בס"ד

# לשהר בלעטל

לטהר
דחסידי סקווירא

9 דזשעפערסאן - שיכון סקווירא
845.362.4600

חסידי סקווירא טעכנאלאגיע אינפארמאציע בלעטל - פנימי דברים תשפ"א

# מירון... פארענטשעס... קאראנע... סורפסייד...

**אבער וואס איז טאקע די מעסעדזש? א שאלה וואס איז אנגעקומען צו כ"ק רבינו שליט"א. "פרסום ראשון"**

## פארוואס גייט נאך דער ספאניאלע"ר אין ביהמ"ד מיט א מאסק?

האט איר געזען דער ספאניאלע"ר אין ביהמ"ד גייט נאך מיט זיין מאסק? דאס דערמאנט מיר פון פסח ביינאכט, ענדליך מ'האלט שוין ביי די פרייליכע צייטן אין די הגדה... מ'האט שוין באגאסן די מצריים מיטן דצ"ך עד"ש באח"ב. פלוצלינג ווערט די הגדה אזוי גמרא'דיג, א גאנצע מחלוקה פון די היילגע תנאים פון וויפיל מכות יעדע מכה איז באשטאנען. און אפי' אין די פיקטשער הגדה איז נישט דא קיין בידלער פון דעם, נו מיט וואס למשל איז צפרדע באשטאנען פון נאך פיר מכות.

איין זאך איז זיכער, אז די מעי"ן פראבלע"ם אין מצרים איז געווען, 'אז די מעסעדזש איז נישט דורכגעקומען'. די מצריים האבן נישט געוואלט גלייבן אז די גאנצע כאאטישער מצב דא... האט צוטון מיט די משכונות וואס זיי האבן פארכאפט אין דעם כיר הברזל... און אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט, און ער האט געהייסן זיי ארויסלאזן,

נו... די טייך איז פארפעסטעט געווארן מיט בלוט, אלעס קען געשען... מיינט נאך גארנישט... מען דארף נאר דערגיין וויאזוי... און מאכן שאָר אז עס געשעט נישט נאכאמאל. האט מען זיך צוזאמגעזעצט מיט דער מצריי'שער דאקטער פאוטש"י, און געמאכט שווערע אויספארשונגען.

נאך צוויי וואכנדיגע אמפעראציעס... איז געבליבן אז... אסאך פון די פיש-כאפער האבן זיכער, מיט זייערע ראסטיגע אלטע נעצן, צופיל פיש גע'הרג'עט, און פארדעם איז די וואסער בלוטיג... אבער ח"ו עס איז נישט קיין מעסעדזש... ווייל אויב יא דארף מען דאך טון תכלית...

נו, כדי דאס זאל נישט קענען געשען נאכאמאל, האט מען אוודאי געמאכט שווערע סעיפטי"י געזעצן... מיט בלאקאדעס און סטעיט אָף עמערדזשענסיס, און אזוי ארום ווען עס איז געקומען 'צפרדע' האט מען ווידער נישט געכאפט די מעסעדזש... ווייל אויב יא קאסט עס צו א טייערע פרייז... נו זיכער קומט עס פון די גלאובע"ל קליימע"ט טשעינד"ש... און פארשטייט זיך אז אזא שרעקליכע זאך, אויב וועט מען נישט זאפארט מאכן א מעידזשער ענדערונג וועט די וועלט אונטערגיין.

עס האט טאקע נישט לאנג גענומען, און די גלויביגע האבן געבריקעוועט מיט די פויסטן די קעפיטאל געביידע, היתכן מ'מאכט נישט גענוג סעיפטי געזעצן, קוק ווידער א ענווייראמענט"ל חורבן, אלעס ווערט לייזי"ג, ס'צרות, מ'מוז מאכן נאך באשיצונגען.

ביי ערוב האט מען באשולדיגט אז מ'האקט אויס צופיל ביימער אין די וועלדער...

דבר, זיכער קומט עס פון די פלעסטיק שטרויס וואס די קינדער ווארפן אראפ נאכן טרינקען א דרינק, און די בהמות טשויק"ן זיך...

און אוודאי קומט חושך פון די שווארצע רויעך וואס די קאַרן און באסעס געבן ארויס, און דאס מאכט א געפערליכע פאלושן-לופט פארפעסטונגען... אזוי אז די גאנצע 'אטמאספער' איז שווארץ געווארן... שוין מוז אלעס ווערן גרי"ן... ווער ווייסט וויפיל מצריים שמאכטן נאך היינט אין די קיירא תפיסות וועגן זייערע זיידעס זענען נישט געווען גענוג פארזיכטיג...

איך גלייב אז יעצט איז שוין קיינעם נישט שווער וואס עס זענען געווען די פינף מכות ביי ערוב. מ'איז נאך געגאנגען מיט א מאסק פון דם. מ'נוצט נישט קיין פלעסטיק פון צפרדע. מ'דארף זייפן די הענט פיר מאל וועגן כינים, און יעצט איז דא א מעידזשער לאקדאון וועגן ערוב... רע"ד זאונ'ס און יעלא"ו זאונ"ס, וועגן ברד... די מצריים האבן זיך געשלעפט מיט א בעג 'אייגענע' מכות... אבי נישט צו כאפן די מעסעדזש... אבער ווען מ'האט געהאלטן ביים צווייטן 'ב' פון באח"ב האט מען שוין איינמאל געכאפט... אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט... און וואס ער זאגט דארף מען פאלגן...

סטאפ לאכן... אויב זאכן זענען נישט קיין מעסעדזש... זעט מען אויס ווי דער ספּאַניאלע"ר וואס גייט נאך מיט א מאסק, ווען די מכה איז שוין לאנג נישט דא, עס איז דאך אלעס 'טבע'... מ'דארף פשוט זיין פארזיכערט, מ'פארט שוין נישט קיין מירון, מ'שטייט שוין נישט אויף קיין פארענטשעס, און מ'שלאפט שוין נישט אין א בילדינג מער ווי זעקס שטאק. אלעס איז זייער פשוט, זיי נישט אין קיין באקס, ווען צוריקגעשטאנענע כינעזער ווייסן נישט וויאזוי אכטונג צו געבן אויף שעדליכע ביאלאגישע אינהאלט... ווערט א מגיפה... אוי, וועט מען זיי באשטראפן... אז מ'גיסט אויל אויף א רעמפ אין מירון, גליטשט מען זיך אויס... ווער עס האט געגאסן וועט מען אויך אנהאקן די ביינער... מ'ווארט נאר צו הערן אויף וועם די גורל וועט פאלן... און ווען

מ'בויט שוואכע פארענטשעס פאלט עס איין... און ווען עס בלאזט נאסע זאלציגע לופט אויף בילדינגס ביים ביטש, טראסקעט עס אפי' אינמיטן נאכט... ניין, ח"ו... עס איז נישט קיין מעסעדזש... ווייל אויב יא דארף איך עפעס טון דערפאר...

אבער טאטע אין הימל... דערבארעמדיגער גא-ט, דאס איז א מצרי'שע וועג פון טראכטן, זיי ווארטן ביז נאך באח"ב צו כאפן... אבער מיר אידישע קינדער, דיין הייליג פאלק, מיר האבן שוין לאנג געכאפט...

# אבער וואס איז טאקע די מעסעדזש?

## א שאלה וואס איז אנגעקומען צו רבינו שליט"א, און באקומען א **קלארן** ענטפער

דעם רבי'נס טאכטער תליט"א, אשת הרה"צ ר' אי"ה שליט"א, האט אויפגעטרעטן פאר די תלמידות אין בית חינוך, און פארציילט: "לעצטנס האט מיר איינער געפרעגט, אז פון די זאכן וואס גייען נעבעך פאַר לעצטנס... זעט מען דאך אפן אז דער באשעפער וויל עפעס, אבער פארוואס רעדט נישט דער באשעפער קלארער? ווען מיר ווייסן נאר וואס ער וויל פון אונז וועלן מיר עס גלייך טון...

האב איך עס איבערגעזאגט פארן רבי'ן שליט"א, און דער רבי געזאגט: "**דער באשעפער רעדט זייער קלאר, דורך זיין תורה, און אין די תורה איז נכלל אלעס, אלע דאורייתא'ס, אלע דרבנן'ס און אלע גדרים וסייגים**".

די מעסעדזש איז פאר אונז זייער קלאר, אז מיר זאלן זיך גוט ארומקוקן וואו מיר דארפן זיך מחזק זיין, צו דאורייתא'ס, דרבנן'ס צו גדרים וסייגים. "דאס איז די מעסעדזש".

### מיין זיסע אהרל'ע אוי איך בענק זיך נאך דיר

### הרה"ג ר' דוד משה רייכמאן שליט"א ארויסקומענדיג פון די ניחום אבלים מיט

# א וויכטיגער מעסעדזש פאר כלל ישראל

פארגאנגענעם ח' תמוז האב איך באקומען א פאון קאול - אז מיין חבר'ס צוואנציג יעריגער בחור'ל איז נישט אויפגעשטאנען... ער איז נפטר געווארן אויף זייער אן אומבא'טעמ'טער אופן רח"ל.

נו איך האב זיך געמוזט צוזאמנעמען כוחות און אריבערגיין... איך קום אריבער אזוי נאכמיטאג צייט, די הויז איז ליידיג, אפאר קליינע צעמישטע קינדער זיצן נעבן זייער טאטע, אלעס איז שטיל... א ליכט אויפן טיש.

איך קום אריין, איך שעם זיך צו קוקן מיין חבר אין פנים, די מצב איז זייער אומאיינגענעם, וואס רעדט מען, וואס זאל איך זאגן, מיר האבן דאך צוזאמען געלערנט אין ישיבה, ער איז דאך אזא טייערע אינגערמאן, נעבעך געפריווט געווארן מיט אזא פעקל... געענדיגט אזוי טראגיש... וואס זאג איך.

מיין חבר לאזט מיר נישט ווארטן... און זאגט מיר: "דוד משה, לאמיר דיר עפעס פארציילן וואס איך קען נישט פאר יעדעם זאגן, אבער דו וועטס מיר פארשטיין...

"דו האסט געקענט מיין אהרל'ע, ער איז געווען גאר א חשוב'ער בחור, אז דו האסט נישט קיין אהנונג. ווען ער האט בר מצוה געהאט ביי זיין דרייצן-פערצן יאר פלעגט אים נעמען קרי"ש שעל המיטה קרוב צו א האלבע שעה, מיט אזא נעימות. איך האב געהאט אזעלכע האפענונגען אויף אים אז ער וועט זיין אזא נחת, א חשוב'ער אינגערמאן, און אויפשטעלן א אידישע שטוב.

"אבער [ער צעכליפעט זיך, קוים וואס ער זאגט ארויס די קומענדיגע ווערטער], ער האט אזוי שווער געענדיגט... גארנישט איבערגעלאזט, נאר פארוויינטע עלטערן און צעמישטע געשוויסטער.

"איך וויל דיר אבער עפעס זאגן, מיין ארי איז געווען זייער א געפיליש קינד, מלא הרגשים, מיט א ווייכע נשמה, יעדע זאך האט אים איבערגענומען. נאך וואס ער איז איינמאל ביי אן עקסידענט אריינגעפאלן מיט א סמארט פאון, האט ער תיכף תשובה געטון, און עס אוועקגעווארפן.

פאר צוויי יאר צוריק, חול המועד סוכות, האב איך געשמועסט מיט איהם אין נאכט אין די סוכה - סוכות איז געווען זיין יו"ט, ווייל ער האט זייער ליב געהאט משניות סוכה וואס ער האט געלערנט אין כיתה ד' - ער איז נאך דעמאלס געגאנגען מיט זיינע לאנגע פיאות. ער איז געווען זייער איבערגענומען, און ער זאגט מיר: "טאטי איך וויל זיך נעמען, איך וויל מאכן א קבלה טובה".

"נו, האב איך גערעדט מיט אים וועגן זיין סמארט פאון, וואס ער האט שוין נאכאמאל געהאט. זאגט ער מיר: "טאטי, דו געדענקסט דאך ווען איך האב די ערשטע מאל געהאט א סמארט פאון און איך האב עס אוועקגעווארפן. איך האב באמת תשובה געטון, איך האב אייביג געוויסט פון דיר און פון דער רבי [סקולענער רבי זכרונו לברכה], אז עס איז זייער נישט גוט, און אז מ'קען נישט זיין קיין ערליכער איד מיט דעם, און מיט די צייט איז עס געווארן א שווערע מלחמה אין מיר, איך בין נאכאמאל דורכגעפאלן, און נאכאמאל אוועקגעווארפן.

"אבער, איך בין אביסל עלטער געווארן, און איך האב געזען אז עס איז נישט ממש אזוי, פארוואס פונקט איך דארף דורכגיין די מלחמות אגאנצן טאג, איך האלט און איין זען מענטשן וואס זענען ערליכע אידן, און זיי מעגן יא האבן א סמארט פאון און האקן א לעבן.

און ער רעכנט מיר אויס נעמען פון אפאר אינגעלייט וואס מיר ביידע קענען - ער זאגט מיר, קוק זיי זעען אויס די זעלבע ערליכע איד ווי דיר, און עס איז גארנישט געשען, איך זע ווי פארן דאווענען קענען זיי לאכן אויף דזשאוקס אויפן סמארט פאון, און נאכדעם שטעלן זיי זיך מנחה געהעריג.

"ער זאגט מיר וועגן א געוויסער איד וואס לערנט פאר א השקפה-שיעור אין א ביהמ"ד אין מאנסי, און האט א סמארט פאון. טאטי ביסט אביסל צו שטארק אין דיין וועלט, פארוואס מעג איך נישט לאכן פון אפאר דזשאוקס, און האבן די זעלבע גוד טיים ווי זיי, איך וועל אויך בלייבן אן ערליכער איד... איך וויל באמת מאכן א קבלה טובה, אבער מער נישט וועגן מיין סמארט פאון...

איך האב אים פארבירט צו זאגן, אז מן הסתם האבן זיי א פילטער. זאגט ער מיר איך ווייס זייער גוט וואס א פילטער מיינט, אמאל איז עס on און אמאל איז עס off... איך בין געבליבן שטיל, איך האב אמת'דיג נישט געוויסט וואס צו ענטפערן... אוי וואו זיין פאון האט אים ליידער געפירט... א לאנגע שווערע וועג, און היינט זיץ איך שבעה... [ער צעוויינט זיך].

"דוד משה - זאגט ער ווייטער - דו ביסט דאך געווען א מגיד שיעור, דו ווייסט דאס מן הסתם אז עס זענען דא בחורים'לעך מיט הייקעלע געפילן, וואס ווערן אזוי שנעל איבערגענומען פון וואס זיי זעען ביי א צווייטן, און קוקן אויף זיי, באטראכטן זיי, און מאכן החלטות לויט זיי... זיי וויסן נישט וואספארא לעבנ'ס החלטות זיי נעמען ליידער...

"איך האב אויף קיינעם נישט קיין טענות ח"ו... איך בעט דעם באשעפער כסדר אז ער זאל מיר מאכן פארגעסן די נעמען פון די אינגעלייט וואס מיין בחור האט מיר אויסגערעכנט, וואס וועגן זיי האט ער געמאכט די החלטה אז מ'קען אזוי אויך בלייבן אן ערליכער איד... איך וויל ח"ו נישט האבן א שווער הארץ אויף זיי... אבער ליידער זענען די פָּאר אידן געווען די וואס האבן געגראבן די קבר פאר מיין זון דריי יאר פאר ער איז אוועק... זיי האבן אים געמאכט פילן באקוועם און פארזיכערט אז מ'קען מיטן ענדזשויען א סמארט פאון בלייבן ערליך...

ווען ער איז באמת נישט דאס געווען, ער איז געווען א צדיק אלס יונגער בחור, אוי... די פָּאר אידן, זיי לעבן, זיי האבן קינדער, אבער מיין זון לעבט שוין נישט, ער האט נישט איבערגעלאזט קינדער... אזוי שווער געענדיגט..."

דער איד בלייבט שטיל... ווען זיין קול שטיקט זיך שוין... איך האב מער נישט אויסגעהאלטן פאר אים... געזאגט 'המקום ינחם' און ארויס...

טייערע אידן, איך בין ארויס פון דארט צעשאסן אויף שטיקער. אזא טייערער אינגערמאן, אזוי געפריווט געווארן, איך האב געפילט אז איך מוז עפעס טון, מענטשן ווייסן גארנישט וואס מען קען ח"ו גורם זיין, איך בין זיכער אז אידישע קינדער ווילן זיין גוט נאר מען כאפט נישט, אבער אז מ'הערט וואס דא גייט פאר טרייסלט עס אויף.

עס קען זיין ח"ו אז "מיר האט דער בחור נאכגעקוקט"... שרעקליך... ער לעבט שוין נישט, אבער עס זענען נאך דא אסאך לעבעדיגע בחורים וואס קוקן נאך יעצט... לאמיר טון וואס מ'דארף... און אויב איר פילט אז איר מוזט יא האבן די סמארט פאון, מאך זיכער אז מ'זעט אויף דיר אז דו נוצט עס נאר ווען די "מוזט" און נישט צו פארברענגען, נישט ביי שמחות, און נישט צווישן חברים.

לאמיר זיכער מאכן אז אונזערע קינדער און אונזערע נאכקוקע"ר זעען אונז מיט א כשר'ע פאון... און די סמארט פאון, אויב מען האט, זאל טאקע נאר זיין מיין 'צווייטער-פאון', מיין 'ביזנעס אנלי פאון', און גוט געפילטערט.

איר ווייסט נישט וואס דאס מיינט ווען א בחור'ל זעט א בעל-הבית וואס ארבעט שווער, גייט ארום מיט זיין כשר'ע פאון, דאס איז די גרעסטע מזכה הרבים וואס קען נאר זיין. "אייער שטאלצקייט" איז "זיין החלטה"... וויל מיט אונזער פשוט'ע הנהגה, אנע רעדן, "שרייען מיר", מיר זענען די גרעסטע משפיעים נאר פון וואס מיר טוען...

****

ווען איך האב געגומען רשות ביי מיין חבר צו פארשפרייטן די מעשה צו מעורר זיין אידן, האט ער מיר געזאגט: "אלץ גואל הדם, איז דאס די מינימום וואס איך מוז טון", צו לאזן מענטשן הערן ווי שטארק זייער השפעה איז לטב, און ח"ו למוטב.

זאל השי"ת העלפן אז אידישע קינדער'ס פעסטע קבלות וועלן זיכער זיין א זיכוי הרבים, און זיין לעילוי נשמת מיין חבר'ס זון 'אהרן בן משה בצלאל'.

**כה דברי ידידכם הק' דוד משה רייכמאן**
**דומ"ץ סקווירא - ספרינג וואלי**

---

און יעצט ליינט:

# א טענה'דיי און פומבדיתא וועט מאכן קלאר די נושא היינט

איז דא איינער פון די ליינער וואס ווייסט צו מאכן א פאר-ברכה אויף א גלעזל קאווע איז א דאורייתא אדער דרבנן?... ניין, זארגט אייך נישט... מיר גייען נישט יעצט איבערזאגן א גאנצע עמוד גמרא אין מסכת ברכות... וויל אויב יא גייט איר גראד צום נעקסטן ארטיקל... איין זאך מעגט איר יא וויסן וואס וועט אייך אויך זיין גאר אינטערעסאנט... א גאנצע געפעכט האט זיך אפגעטון דארט אין פומבדיתא, יא דאורייתא צו נישט, אגאנצן טאג האט מען זיך גע'טענה'ט. סוף טאג איז געבליבן, און יעדער איז איינגעגאנגען, ניין ס'איז נישט קיין דאורייתא, מאכן א פָּאר-ברכה איז א דרבנן.

נו, וואס מאכט א חילוק? מען דארף עס סיווי טון. פיין, אבער דא קומט עס... אזוי־ווי מ'ענדיגט זיך טענה'ן, רופט זיך אן איינער פון רב פפא'ס קינדער, ר' חנינא, מיט א 'באמבע'. אוי איז ער שארף געווען... אויב איינער מאכט נישט קיין ברכה 'חבר הוא לאיש משחית'... ער איז א חבר צו ירבעם בן נבט שהשחית את ישראל לאביהם שבשמים... שרעקליך, ר' חנינא קומט ארויס אזוי שאאאארף, וואס איז שוין, פארוואס איז ער א חבר צו ירבעם בן נבט? זאגט רש"י ולפי שהוא מיקל רואים האחרים ולמדין ממנו לעשות כן, ליהנות מן העולם בלא ברכה, ולכך נקרא זה המיקל חבר לאיש משחית. וויבאלד ער מאכט נישט קיין ברכה, לערנען זיך אנדערע אפ פון אים, און מאכן אויך נישט קיין ברכה...

איר כאפט? איך נישט... ירבעם בן נבט האט געצווינגען טויזנטער אידן זיך צו ביקן צום צלם, א ריכטיגער חוטא ומחטיא, דינען עבודה זרה, אפגע'שמד'ט רח"ל רוב כלל ישראל, און וואס האט דער איד שוין געטון? ער האט נישט געמאכט א ברכה? וואס גייט דא פאר?... זאגט ר' חנינא, אזוי־ווי מיר זענען יעצט געבליבן נאכן זיך טענה'ן אגאנצן טאג, אז עס שטייט 'נישט' אין די תורה אז מ'דארף מאכן א פָּאר-ברכה, נאר די רבנן האבן עס אליין אזוי אפגעמאכט... קומט א איד און זאגט: "כ'הער, פיין, נו האבן זיי געזאגט... איך לערן אויף דף היומי, מיין טאטע איז אויך געווען אן ערליכער איד... נו, זיי זאגן... און איך וועל טון וואס איך פארשטיי... שטייט דארט א בחור'ל... ער זעט א שיינער איד, לייגט תפילין, דאווענט דריי מאל א טאג... אבער 'מ'קען יא זיין א איד', אפי' מ'טוט נישט פונקטליך וואס די 'רבנן' זאגן... עס איז דא א גרויסע וועלט... די רבנן זאגן?! איך רעד ח"ו נישט אויף זיי, איך האק נישט... איך טו נאר פונקטליך וואס איך פארשטיי...

זאגט ר' חנינא, ר' איד, האלאו... וועק דיר אויף... עס זענען דא וואס באטראכטן דיר... זיי מאכן לעבנ'ס דעסישנס לויט דיר, קען מען יא זיין א איד אן פאלגן די רבנן, אדער נישט... דו ביסט זייער ראול-מאדעל... שרעקעדי"ג...!!!

# חילי געשטעטנער

## דיין טאטע ר' שרגי ע"ה שעפט אסאך נחת פון דיר

### דיין מעשה איז ווייט פון פארטיג
### פארציילט ר' חיים מאיר גאלדקלאנג

ר' חיים מאיר גאלדקלאנג לאזט מיר א מעסעדזש: "האסט אודאי געהערט וועגן די גאנצע מעשה פון שרגי'ס זון... איך וועל דיר צולייגן די סוף פון די מעשה, אבער קודם וויל איך דיר פארציילן די ערשטע האלב, ווייל איך ווייס נישט צו דו האסט געהערט אלע פרטים, גוט.

"איך בין זייער נאנט געווען מיט שרגי. איין טאג אינמיטן די שבעה רופט מיר א איד פון ברוקלין, וואס איך קען זייער גוט, וואס איז אויך נאנט געווען מיט שרגי, אז ער קומט יעצט פון די ניחום אבלים, און בשעת ער איז דארט געווען, האט מיר אריינגערופן א חשוב'ער איד פון ארץ ישראל, וואס איז נאנט געווען צו שרגי, אז ער וויל מנחם אבל זיין. האב איך איבערגעגעבן מיין פאון פאר די אבלים, ער האט יעדעם פראבירט צו מחזק זיין... די פאון איז געגאנגען פון איינעם צום צווייטן...

ביז עס איז אנגעקומען צו חילי - שרגי'ס עלטסטער זון. 'ער ווערט סטיף', און איך זאג אים: "דער חשוב'ער איד וויל רעדן מיט דיר". ער ענטפערט נישט, ער בלייבט שטיל, אבער מיט א זיכערקייט אויף זיין פנים, כאילו 'איך וועל די סעלפאון נישט צורירן...'

איך ווייס נישט וואס גייט פאר, וואס איז יעצט געשען? חילי, פארוואס רעדסטו נישט... ביז איינער רופט זיך אן: "דו ווייסט נישט? ער האט גע'חתמ'ט! ער וועט א סמארט פאון נישט צורירן... ער איז אן איידעלע סקווירא בחור, ווייסט ער נישט וויאזוי דיר עס צו זאגן... אבער אנרירן וועט ער עס בשום אופן נישט... פארציילט מיר דער ברוקלינער איד ווייטער. איך בין נישט געווען ביי מיר פון די מעשה, איך בין תיכף פון דארט געפארן קיין סקווירא, איך האב אגאנצע וועג געוויינט, א קליינע דרייצן יעריגער בחור, אזוי פעסט... אזא שטארקייט... וואו בין איך אויפן וועלט?... איך בין אריינגעפארן אין שטעטל גלייך צום שאפינג סענטער צו 'איזי סעל', און איך זאג אים, געב מיר א כשר'ע פאון, לייג איבער מיין קאנטאקטס, און די סמארט פאון בלייבט ביי דיר... מיין ביזנעס וועט זיך אַן עצה געבן אן מיין סמארט פאון... אויב שרגי'ס חילי קען... קען איך אויך...

ר' חיים מאיר פארציילט מיר ווייטער, די מעשה איז נישט פארטיג. צוויי וואכן שפעטער, איז געקומען אויף שבת קיין סקווירא, א זון פון דער חשוב'ער איד פון ארץ ישראל, ער איז שוין מער א ביזנעס-מאן, און פרייטאג-צונאכט נאכן טיש, האבן מיר זיך פונקט געטראפן, ארויפגייענדיג וואשינגטאן צו זיין אכסניה.

זאגט ער מיר: "האסט געהערט די מעשה וואס מיין טאטע האט געהאט ווען שרגי'ס זון האט נישט געוואלט רעדן צו אים דורכן סמארט פאון? איך בין נישט געווען ביי זיך פון די מעשה, און איך האב אוועקגעווארפן מיין סמארט פאון"... עפעס וואס מיין טאטע האט קיינמאל נישט געקענט פועל'ן ביי מיר האט חילי גע'פועל'ט מיט זיין "פעסטקייט".

חילי געשטעטנער האט נישט געזאגט קיין דרשות... נישט מסביר געווען קיין ענינים... ער האט פשוט "נישט גערעדט". די רבנים האבן געזאגט... איך האב פשוט צוגעהערט, גע'חתמ'ט... און אויסגעפאלגט מיט א פעסטקייט... ניין... ער האט טאקע נישט גערעדט... ער האט "געשריגן"... ווייל וואס איך "טו" שריי איך....

איך בין דער גרעסטער משפיע מיט מיין טון זאכן מיט א "זיכערקייט', איך קען מיט מיין זיכערקייט ח"ו גראבן א קבר פאר א יונגע נשמה'לע... און איך קען זיין א קליינע יונגע בחור'ל און אויפטון וואס די גרעסטע משפיעים האבן נישט אויפגעטון... דורכן טון וואס איז ריכטיג, מיט א 'זיכערקייט' און קלארקייט...


אנ"ש ספרינג וואלי גרייטן זיך צום גרויסארטיגן
לטהר מגבית
4000
געכשר'טע דיווייסעס
מיליאנע
שמירת עינים
948 קאמפיאטער פילטער'ס
1131 סענסעס און mp3
364 טעבליטס סמארט פאון
872 קעמרע פילטער'ס
1561 ז"ך און מסחר פאונס
236 zoom גמ"ח אינפוינטמענט'ס
אלע זכותים איז אייער'ס מיטן
יום בלוח לטהר
זכות לוח היום $360
זכות שותף היום $180